# אַ באַמערקונג צו אַ שטורעם אין אַ גלאָז וואַסער

## טאָמאַס סאָקסבערגער

אין פֿעברואַר האָט זיך אָנגעהויבן אין "פֿאָרווערטס" אַ סעריע אַרטיקלען "צו דער דיסקוסיע וועגן ייִדיש אין ישׂראל און די תּפֿוצות".

דאַכט זיך, אַן אינטערעסאַנטע און אַ וויכטיקע טעמע.

באַקומט זיך אָבער, אַז דערעיקרשט גייט דאָרט די רייד וועגן אַ קריגערײַ צווישן דעם "ייִדישן שרײַבער-פֿאַראיין אין ישׂראל" און דעם "וועלטראַט פֿאַר ייִדיש און ייִדישער קולטור".

דער דאָזיקער וויכּוח ציט זיך שוין לאַנג און מען וואָלט געקענט מיינען, אַז דאָ גייט אין אַ פֿראַגע פֿון לעבן און טויט — ניט בלויז פֿאַרן "וועלטראַט", מאָר פֿאַר דער ייִדיש-קולטור בכלל.

איין קליניקייט — "וועלטראַט פֿאַר ייִדיש"!

זאָל ייִדיש אפֿשר בלײַבן אָן אַ דאַך-אָרגאַניזאַציע?

אָבער עס איז דאָך אַ סוד אויף גאַנץ בראָד, אַז דער "וועלטראַט" עקסיסטירט בלויז דעמאָלט, ווען מען קומט זיך צונויף אויף אַ "וועלט-קאָנפֿערענץ פֿאַר ייִדישער קולטור", אַזוי ווי עס איז געווען אין יוני 1998. איך בין דאָרטן געווען. האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז עס איז אַ וועלטקאָנפֿערענץ מיט דעם, וואָס ייִדיש-דעלעגאַטן קומען זיך צונויף פֿון גאָר דער וועלט.

ווער מיר דעלעגאַטן? וואָס מיר דעלעגאַטן? ווער האָט דעלעגירט?

עלעהיי מע האָט געהאַט אַזאַ אײַנפֿאַל:

"אָט האָבן מיר דעם אַדרעס פֿון איינעם וואָס שרײַבט אַמאָל אין "פֿאָרווערטס". וווינט אויף אַן אינדזל אין פּאַציפֿיק. לאָמיר אים פֿאַרבעטן אויף דער קאָנפֿערענץ, זאָל ער רעדן וועגן ייִדיש אין מיקראָנעזיע, און בשעת מעשׂה אויך מעלאַנעזיע, און פּאַפּוא-ניוגיני..."

אַוודאי טרײַב איך איבער.

זאָל מען מיך ניט פֿאַרשטיין פֿאַלש: איך וויל ניט אָנרירן דעם כּבֿוד פֿון קיינעם, וואָס איז זיך מטריח געווען קיין ישׂראל אויף דער דאָזיקער קאָנפֿערענץ. פֿאַר וואָס איז מיר געקומען אויפֿן געדאַנק דאַפֿקע מיקראָנעזיע?

אפֿשר דערפֿאַר, ווײַל אַזוי זעט הײַנט אויס די ייִדיש-קולטור: אַ סך אינדזעלעך, פֿאַרשפּרייט איבער אַ היפּש ביסל שטח פֿון ערד-קײַלעך.

טיילמאָל זייער קליינע אינדזעלעך: אויף אייניקע פֿון זיי זיצט ניט מער ווי אַ ראָבינסאָן, וואָס בענקט נאָך אַ באַגעגעניש מיט אַ "מאַן פֿרײַטיק" (צי "שבת") כּדי ער זאָל אים קענען אויסלערנען מאַמע-לשון. ניט די דעלעגאַטן וויל איך קריטיקירן, אָבער דאָס וואָס מען רעדט ניט קיין קלאָרע דיבורים. אויך אין לודענס אַרטיקלען אין "פֿאָרווערטס" און אין די "לעבנספֿראַגן" דאַרף מען קענען לייענען צווישן די שורות, כּדי צו פֿאַרשטיין, אַז ער קריטיקירט.

און פֿאַר דעם, וואָס איז אויף דער קאָנפֿערענץ ניט געווען, שאַפֿט עס אַן אײַנדרוק, אַז דאָ האָט מען געפֿירט אַן אויסטויש וועגן די לעבנס-פֿראַגן פֿון דער ייִדיש קולטור.

אָבער לאָמיר נעמען אַ בײַשפּיל: אָט לייען איך, אַז "צווישן די דעלעגאַטן האָבן זיך אויך באַוויזן ייִנגערע פּנימער [...] יונגע מענטשן (זײַנען געקומען) אפילו פֿון שוועדן, פֿון דער שווייץ, פֿון עסטרײַך..."

למשל בין איך געווען, צום בײַשפּיל, דער "יונגער מענטש פֿון עסטרײַך". דאַכט זיך, דער ייִנגסטער פֿון אַלע, כאָטש אויך שוין מער ווי 30 יאָר אַלט (און אַמאָל האָט מען געהאַלטן, אַז צו אַזעלכע זאָל די יוגנט קיין צוטרוי ניט האָבן — נו, מילא). און ניט קיין דעלעגאַט, כאָטש פֿונעם קאָנטעקסט אינעם אַרטיקל וואָלט מען געקענט מיינען אַזוי. און געקומען צופֿעליק, און געווען מער אַ באַאָבאַכטער אויף דער זײַט. ניין, איך קען זיך ניט באַקלאָגען וועגן דער קאָנפֿערענץ. מען האָט מיך אופֿגענומען פֿרײַנטלעך, אויסגעהערט מײַן קורצן רעפֿעראַט מיט אינטערעס, באַצאָלט דעם האָטעל-צימער (דאָ האָב איך צו דאַנקן די ספּאָנזאָרן, פֿאַרשטייט זיך. דער "וועלטראַט" אַליין האָט ניט קיין בודזשעט...)

איך קען און וויל ניט קריטיקירן די מאָטיוון פֿון די, וואָס האָבן זיך בעטייליקט אין דער קאָנפֿערענץ. אָבער איך וויל זיך דערלויבן צו קריטיקירן די אָנפֿירונג פֿון "וועלטראַט", וואָס האָט ניט גענוצט די געלעגנהייט צו דערלאָזן אַן אָפֿענע דיסקוסיע וועגן פֿראַגעס, וואָס האָב, ווי איך בין זיכער, פֿאַראינטערעסירט מער ווי איינעם פֿון די באַטייליקטע:

— וואָס איז דער וועלטראַט?

— וואָסערע אָרגאַניזאַציעס גייען אַרײַן אין אים?

— וואָס איז זייער בײַשטײַער צו דער אַרבעט פֿון וועלטראַט?

— צי איז דער "וועלטראַט פֿאַר ייִדיש" בכלל אַ יש — אָדער בלויז אַ ישׂראלדיקער פֿאַראיין מיט אַ גרויסאַרטיקן נאָמען?

— אויב אַזוי — אויף וואָס באַדאַרף מען אים?

— פֿאַרוואָס זײַנען דאָ שווערקייטן פֿאַר זײַן אַרבעט? און זאָל מען ניט ענטפֿערן מיט "די שׂונאים פֿון ייִדיש ... דער ישׂראלדיקער עסטאַבלישמענט ... דאָס וועטער-אָנשיקעניש אין פּאַציפֿיק על ניניאָ ..."

אַזעלכע פֿראַגעס זײַנען געשטעלט געוואָרן נאָר ניט-אָפֿיציעל. די טאָגאָרדנונג האָט ניט געלאָזט קיין צײַט פֿאַר אַזעלכע דיסקוסיעס — זי איז געווען אָנגעפּראָפּט און איבערפֿול מיט רעפֿעראַטן. דאַכט זיך, אַז אין דעם האָט געשטעקט אַ געוויסע כּוונה אויך: עס זאָל ניט בלײַבן צופֿיל צײַט צו טראַכטן וועגן דעם, וואָס דאָ טוט זיך.

עס בלײַבן פֿראַגעס, פֿראַגעס. אפֿשר וועט זיך נאָך אָנהייבן די אמתע דיסקוסיע...